איר ווייסט דאָס, געבענטשט זענט איר, אויב איר
18 טוט עס. נישט וועגן אייך אַלע רעד איך; וואָרום
איך ווייס וועמען איך האָב אויסדערוויילט; נאָר
כּדי דער פּסוק זאָל מקוים ווערן:

דער, וואָס עסט מיין ברויט, האָט אויפגעהויבן
זיין טריט קעגן מיר. (תהלים מא, י.)

19 שוין איצט זאָג איך עס אייך, איידער עס געשעט,
כּדי ווען עס וועט געשען, זאָלט איר גלויבן, אַז
20 איך בין עס. באמת, באמת זאָג איך אייך: ווער עס
נעמט אויף דעם, וועמען איך שיק, דער נעמט מיך
אויף; און ווער עס נעמט מיך אויף, דער נעמט
אויף אים, וואָס האָט מיך געשיקט.
21 דאָס זאָגנדיק, האָט ישוע זיך באַאומרואיקט אין
זיין גייסט, און האָט עדות געזאָגט, און גערעדט:
באמת, באמת זאָג איך אייך: איינער פון אייך
22 וועט מיך פאַרראַטן. די תלמידים האָבן דעריבער
געקוקט איינער אויפן אַנדערן, מסופק וועגן
23 וועמען ער זאָגט עס. און איינער פון זיינע
תלמידים, וועמען ישוע האָט (באַזונדערס) ליב
געהאַט, איז געווען אָנגעלענט אויף ישועס ברוסט.
24 האָט שמעון פּעטרוס געוואונקען צו דעם דאָזיקן,
און צו אים געזאָגט: זאָג ווער עס איז, וועגן
25 וועמען ער רעדט. בייגנדיק זיך אַזוי צו ישועס
ברוסט, זאָגט יענער צו אים: האַר, ווער איז עס?
26 ישוע האָט געענטפערט: יענער איז עס, פאַר וועמען
איך וועל איינטונקען דעם ביסן און אים געבן. און
איינטונקענדיק דעם ביסן, נעמט ער און גיט אים צו
27 יהודה בן שמעון איש קריות. און נאָך דעם ביסן
איז דער שטן דעמלט אַריין אין אים. ישוע האָט
דעריבער צו אים געזאָגט: וואָס דו טוסט, טו גיך.
28 און קיינער אַרום דעם טיש האָט נישט פאַר-